בס"ד

# פרד"ס יהודה

עלון שבועי באידיש ע"י יהודה זבולון הלוי קליטניק

**פרשת תזריע מצורע תש"פ** — **ראש חודש אייר** — **גליון 548 [שנה י"ב]**

**א חידוש אז דער עָנִי מעג ברענגען א קרבן פון דער עשיר!**

זֹאת תּוֹרַת אֲשֶׁר בּוֹ נֶגַע צָרָעַת אֲשֶׁר לֹא תַשִּׂיג יָדוֹ בְּטָהֳרָתוֹ: (יד לב) פרעגט דער הייליגער אור החיים אז דער פסוק איז לכאורה איבעריג, ווייל אין תורת כהנים דרשנען חז"ל אז זֹאת איז א ריבוי און זֹאת תּוֹרַת איז מרבה אז אויב א עני וויל ברענגען דעם קרבן פון דעם עשיר מעג ער דאס ברענגען, איז שווער ווייל פארדעם דארף מען נישט א פסוק דאס צוזאגן, ווייל די סברא זאגט אז דער גאנצע ענין איז נאר צו גרינגער מאכן פארן ארימאן, אבער אויב ער וויל זיל אנשטרענגען ווי א עשיר מעג ער, און מען דארף נישט קיין פסוק פארדעם ע"כ?

נאר מען קען מחדש זיין ווייל באמת איז שווער אויפן דרשת חז"ל זֹאת תּוֹרַת אז דער עני מעג ברענגען א קרבן פון עשיר, ווייל לכאורה וואלט מען געדארפט זאגן אז דאס וואס דער עני גיט מער פון וואס ער קען איז דאס א נדבה און צדקה, און עס קען זיין אז ער וועט אויסגעבן פארן קרבן מער פון א חומש פון זיין געלט און עס שטייט (כתובות דף נ ע"א) המבזבז אל יבזבז יותר מחומש, אז מען טאר נישט געבן מער פון א פינפטל פאר צדקה? נאר מען קען דאס פארענטפערן לויט א סיפור ביים הייליגן דברי חיים מצאנז זיע"א וואס איז באוואוסט אז ער האט אלעס געטיילט אויף צדקה, איינמאל האט די רעבעצין געבעטן געלט פארן שטוב און דער דברי חיים האט יענע טאג אלעס אוועקגעגעבן און איז גארנישט געבליבן, האט די רעבעצין אים געפרעגט המבזבז אל יבזבז יותר מחומש? האט דער דברי חיים געגעבן א קרעכץ און געענטפערט אז זי איז גערעכט, אז צדקה מעג מען נאר געבן ביז א חומש אבער עס שטייט (דניאל ד כד) וַחֲטָאָךְ בְּצִדְקָה פְרֻק, אבער אויב צו מכפר זיין די עבירות מעג מען געבן אן א שיעור ע"כ.

קומט אויס אז דער מצורע וואס וויל א אמעתע כפרה מעג געבן וויפיל ער וויל, און דאס לערנט די פסוק זֹאת תּוֹרַת וואס לכאורה איז דער פסוק איבעריג, אבער אדרבא די פסוק קומט אונז דאס צו לערנען אז ווייל זאת איז לרבות, אז דער עני מעג ברענגען די קרבן פון עשיר, אפילו אֲשֶׁר לֹא תַשִּׂיג יָדוֹ, אבער ווייל עס איז בְּטָהֳרָתוֹ, פאר א כפרה מעג ער אויסגעבן מער פון א חומש, ווייל וַחֲטָאָךְ בְּצִדְקָה פְרֻק. (כיבוד אב הגאון ר' אלעזר קליין, דומ"ץ מארגערעטן)

## דרוש אויף פרקי אבות פרק ב
## "ללמוד וללמד איז גאר חשוב"

רַבָּן יוֹחָנָן בֶּן זַכַּאי קִבֵּל מֵהִלֵּל וּמִשַּׁמַּאי. הוּא הָיָה אוֹמֵר, אִם לָמַדְתָּ תוֹרָה הַרְבֵּה, אַל תַּחֲזִיק טוֹבָה לְעַצְמָךְ, כִּי לְכָךְ נוֹצָרְתָּ: (פ"ב משנה ח) דער פשוטע פשט איז: אויב דו האסט געלערנט א סאך תורה, אַל תַּחֲזִיק טוֹבָה לְעַצְמָךְ, זאלסטו זיך נישט גרויס האלטן, כִּי לְכָךְ נוֹצָרְתָּ, ווייל וועגן דעם ביסטו דאך באשאפן געווארן. ווייל אן תורה האט מען נישט קיין ווערד! דער ספר כרם צבי ברענגט א שיינעם טייטש: אויב דו האסט געלערנט א סאך תורה, און דו קענסט דאך לערנען, אַל תַּחֲזִיק טוֹבָה, זאלסטו נישט האלטן די תורה, לְעַצְמָךְ, פאר זיך, [וואס טוב איז דאך תורה, כִּי לֶקַח טוֹב נָתַתִּי לָכֶם (משלי ד ב),] נאר זאלסט לערנען מיט אנדערע און זיי העלפן לערנען, כִּי לְכָךְ נוֹצָרְתָּ, ווייל ווען דער אויבערשטער האט געוואלט באשאפן דעם מענטש, האט אֱמֶת געזאגט אַל יִבָּרֵא, אבער חֶסֶד האט געזאגט יִבָּרֵא, מען זאל באשאפן די וועלט, און עס איז נישטא א גרעסערן חסד ווי צו העלפן א צווייטן אין לערנען. מיט דעם קען מען פארשטיין די סמיכות וואס שטייט גלייך נאכדעם: חֲמִשָּׁה תַלְמִידִים הָיוּ לוֹ לְרַבָּן יוֹחָנָן בֶּן זַכַּאי, וְאֵלּוּ הֵן, רַבִּי אֱלִיעֶזֶר בֶּן הוֹרְקְנוֹס, וְרַבִּי יְהוֹשֻׁעַ בֶּן חֲנַנְיָה, וְרַבִּי יוֹסֵי הַכֹּהֵן, וְרַבִּי שִׁמְעוֹן בֶּן נְתַנְאֵל, וְרַבִּי אֶלְעָזָר בֶּן עֲרָךְ, וואס לכאורה איז שווער וואס איז די גרויסקייט אז רַבָּן יוֹחָנָן בֶּן זַכַּאי האט געהאט 5 תלמידים, בשעת הלל און רבי עקיבא וואס האבן געהאט אסאך מער תלמידים? נאר די 5 תלמידים וואס רַבָּן יוֹחָנָן בֶּן זַכַּאי האט געהאט, האט ער אויך געזאגט זייערע שבחים, הוּא -רַבָּן יוֹחָנָן בֶּן זַכַּאי-, הָיָה מוֹנֶה שִׁבְחָן. רַבִּי אֱלִיעֶזֶר בֶּן הוֹרְקְנוֹס, בּוֹר סוּד שֶׁאֵינוֹ מְאַבֵּד טִפָּה. רַבִּי יְהוֹשֻׁעַ בֶּן חֲנַנְיָה, אַשְׁרֵי יוֹלַדְתּוֹ. רַבִּי יוֹסֵי הַכֹּהֵן, חָסִיד. רַבִּי שִׁמְעוֹן בֶּן נְתַנְאֵל, יְרֵא חֵטְא. וְרַבִּי אֶלְעָזָר בֶּן עֲרָךְ, מַעְיָן הַמִּתְגַּבֵּר. וואס די אלע מעלות האט רַבָּן יוֹחָנָן בֶּן זַכַּאי אין זיי אריינגעלייגט. ווייל ער האט געלערנט מיט יעדן באזונדער. דאס איז די שייכות צו פריערט, און דער הייליגער חת"ם סופר ברענגט: אז די מצוה פון ואהבת לרעיך כמוך, מיינט לערנען תורה מיט א צווייטן. אויך זעט מען אין גמ' (מגילה כ"ח:) דריי מאמרים וועגן די חשיבות פון "מתני-לימוד- לאחרים" איבער "תנא-לימוד- פאר זיך.

א צווייטן אויפן קען מען מסביר זיין: ווייל עס איז ידוע אז א מלאך לערנט אויס א מענטש כל התורה כולה, און ווען ער קומט ארויס אין דעם עולם גיט אים דער מלאך א פאטש און מען פארגעסט. דארף מען פארשטיין אויב מען וועט די תורה פארגעסן פארוואס דארף ער דאס אויסלערנען? נאר כדי שפעטער ווען דער מענטש וועט הארעווען אין לערנען, וועט ער משיג זיין וואס דער מלאך האט אים אויסגעלערנט, דאס מיינט אִם לָמַדְתָּ תוֹרָה הַרְבֵּה, און דו פארשטייסט גוט די הייליגע תורה, אַל תַּחֲזִיק טוֹבָה לְעַצְמָךְ, זאלסט זיך נישט גרויס האלטן אז דו האסט דערגרייכט אזא מדריגה אין תורה, ווייל לְכָךְ נוֹצָרְתָּ, דער אויבערשטער האט דיר שוין פון פריערט געגעבן די תורה, און נאר אזוי האסטו געקענט משיג זיין. (ספר כרם צבי – א חסידישער סוחר, ר' צבי זאב גאלדבערג געוואוינט אין אמעריקא פאר די ערשטע וועלט מלחמה, הסכמות כלי חמדה ועוד, נו"י תרפ"א)

לפי דעם ערשטן פשט קען מען גיין ווייטער און מקשר זיין די קומענדיגע משנה ט, אָמַר לָהֶם, צְאוּ וּרְאוּ אֵיזוֹהִי דֶרֶךְ יְשָׁרָה שֶׁיִּדְבַּק בָּהּ הָאָדָם. רַבִּי אֱלִיעֶזֶר אוֹמֵר, עַיִן טוֹבָה. וכו' אָמַר לָהֶם צְאוּ וּרְאוּ אֵיזוֹהִי דֶרֶךְ רָעָה שֶׁיִּתְרַחֵק מִמֶּנָּה הָאָדָם. רַבִּי אֱלִיעֶזֶר אוֹמֵר, עַיִן רָעָה. וכו' אָמַר לָהֶם, רוֹאֶה אֲנִי אֶת דִּבְרֵי אֶלְעָזָר בֶּן עֲרָךְ מִדִּבְרֵיכֶם, שֶׁבִּכְלַל דְּבָרָיו דִּבְרֵיכֶם: עַיִן טוֹבָה און עַיִן רָעָה איז שייך ביי תורה, ווייל מען זעט אסאך מאל אז מען גייט צו א ת"ח און מען בעט אים צו לערנען א שטיקל גמ', יעצט די עַיִן טוֹבָה וועט אלעס אוועקלייגן און אוועקגעבן זיין צייט, משא"כ די עַיִן רָעָה, וועט האבן גענוג תירוצים פארוואס ער קען נישט לערנען, דאס איז געווען איינע פון די גדלות המדות פון רַבִּי אֶלְעָזָר בֶּן עֲרָךְ און האט דאס געלערנט פון זיין רבין אַל תַּחֲזִיק טוֹבָה לְעַצְמָךְ און דעריבער האט ער זוכה געווען צום שבח: רַבִּי אֶלְעָזָר בֶּן עֲרָךְ, מַעְיָן הַמִּתְגַּבֵּר ווייל עס שטייט (מס' תענית דף ז' ע"א) "הרבה למדתי מרבותי, ומחבירי יותר מרבותי, ומתלמידי יותר מכולן" ווייל פון לערנען מיט יענעם, ווערט מען א מעין המתגבר אז עס פליסט שוין ביי דיר די הייליגע תורה. און דאס קען זיין וואס מען בעט דעם רבש"ע יעדן טאג לִלְמוֹד וּלְלַמֵּד: לִלְמוֹד, אז מען וויל קענען לערנען, זאל זיין לְלַמֵּד, פאר אנדערע. (שמח זבולון תש"פ)

## מדור העובדות

## ****** די באן האט זיך אליין אפגעשטעלט אין קערעסטיר לכבוד די חסידים ******

לכבוד דער יום ההילולא פון גרויסן פועל ישועות וואס זיין הייליגע נאמען ר' ישעי' בן משה איז אנגענומען אין די גאנצע וועלט, סיי ווען מען איז מזכיר דעם הייליגן נאמען און סיי ווען מען איז מנדב א סעודה לעילוי נשמתו, און טויזנטער אידן זעהען און האבן געזען אומצאליגע ישועות. און בזמנינו וואס דער וועלט דארף גרויס רחמים, וועלן מיר שרייבן א סיפור פון בעל הילולא און מיר זאלן אלע זוכה זיין צו ישועות בגלוי און דעם ביאת המשיח.

ביי הרה"ק ר' ישעי' מקערעסטירער זצוק"ל איז געווען די סעודת מלוה מלכה א גרויסע פארנעם. פון די ווייטענס פלעגן חסידים קומען און ר' ישעי' האט דעמאלטס געזאגט שיינע דברי תורה און סיפורים און מען האט געפראוועט מיט א דערהויבנקייט ביז כמעט אינדערפרי. די חסידים פון דעם געגנט ארום קערעסטיר פלעגן קומען מיט די נארמאלע באן וואס פלעגט זיך אפשטעלן דארטן אין באן סטאנציע. אבער די חסידים וואס האבן געוואוינט ווייט האבן געפארן מיט די שנעלע צוג וואס איז געקומען פון בודאפעסט און דאס האט זיך נישט אפגעשטעלט אין קערעסטיר נאר אין אוהעל וואס איז געווען די נענטסטע גרויסע שטאט. דעריבער האבן די חסידים געמוזט נעמען א וואגן פון אוהעל קיין קערעסטיר און עס איז געווען א טלטול הדרך און א מוטשעניש און רוב מאל זענען זיי וועגן דעם אנגעקומען זייער שפעט צו די מלוה מלכה. די חסידים האבן כסדר געבעטן דעם קונדוקטור אפשטעלן דא דער באן ווייל עס פארט סייווי דורך די סטאנציע, און זיי האבן אמאל געהאט מיט זיך מער ווי 100 חסידים! אבער עס איז געפאלן אויף טויבע אויערן. זענען די חסידים געגאנגען צו ר' ישעי' ער זאל עפעס טאן וועגן דעם.

ר' ישעי' איז געפארן צו די ממונה פון די באן סטאנציע אין קערעסטיר און אים געבעטן ער זאל עפעס טאן וועגן דעם. האט ער געענטפערט: ער וואלט געטאן אלעס כדי צו העלפן דעם רבין אבער ער איז א פשוטער ארבעטארער און קען גארנישט טאן. האט אים ר' ישעי געבעטן ער זאל חאטש שרייבן א בריוו קיין בודאפעסט צום מנהל פון די באן אז ר' ישעי' דער רבינער פון קערעסטיר בעט מען זאל אפשטעלן די שנעלע צוג אין קערעסטיר. דער ממונה אפילו ער איז געווען א גוי אבער ער האט געהאט גרויס כבוד פאר ר' ישעי' און האט מסכים געווען צו שרייבן די בריוו. ווען די בריוו איז אנגעקומען אין בודאפעסט האט דער מנהל אויסגעלאכט פון דעם, ווייל ער האט נישט געהערט פון ר' ישעי' און אויך ווייל קערעסטיר איז א קליין שטעטיל און פאר גרעסערע שטעט שטעלט מען זיך נישט אפ, און האט אפגעווארפן די פארשלאנג פון רבין.

יענע מוצאי שבת ווען די שנעלע צוג איז אנגעקומען נאנט צו קערעסטיר האט זיך די שנעלע צוג פלוצלינג זיך אפגעשטעלט און די קונדוקטור האט פרובירט זעהן וואס איז די סיבה פארוואס האט זיך די באן אפגעשטעלט! דערווייל האבן די חסידים געזעהן אז די טירן זענען אפן זענען זיי ארויסגעגאנגען פון באן און זיך געפריידט אז זיי וועלן קענען זיין ביי די מלוה מלכה אין צייט. א וואונדער האט פאסירט אז נאכדעם ווען די חסידים זענען אראפ פון באן האט די קונדוקטור מצליח געווען צוריק אנצינדן די באן און איז געפארן ווייטער איר וועג.

די ארבעטארער פון די באן האבן געשיקט א מודעה קיין בודאפעסט פון די מאדנע פאסירונג וואס איז געשעהן דארטן. דאס זעלבע האט זיך איבערגעחזרט די צווייטע וואך און די דריטע וואך און די פערטע וואך. יעדע וואך האט זיך די באן אפגעשטעלט פון זיך אליין ביים אנקומען אין קערעסטיר און נאך וואס די חסידים זענען אראפ פון די באן האט די באן אנגעהויבן צו ארבעטן. אזוי ווי א כישוף!

ווען די מנהלים פון בודאפעסט האבן געזען אז עס חזר'ט זיך איבער יעדע וואך האבן זיי געוואלט גיין צו די פאליציי ווייל זיי האבן חושד געווען אז די חסידים טוען עפעס צו די באן אז עס זאל פונקט אפשטעלן אן קערעסטיר. מען האט געשיקס פריערט בודק זיין די באן זעען צו די חסידים האבן געטשעפעט עפעס אין די באן אז עס זאל זיך אפשטעלן ביי קעסרעסטיר. אבער מען האט גארנישט געקענט טרעפן. דערווייל האבן די פאליציי אריין אין קערעסטיר און געפרעגט די אידן וואס איז די סיבה פארוואס די באן שטעלט זיך אפ אין קערעסטיר? האבן אלע געענטפערט אז דער רבי פון קערעסטיר איז א "טשאדא ראבינער" און פון הימל האט מען דאס געטאן פאר זיין כבוד.

ווען די פאליציי זענען צוריק געגאנגען קיין בודאפעסט און האבן איבערגעגעבן אז זיי האבן געהערט די גרויסקייט פון ר' ישעי' און וועגן זיין כבוד האט זיך די באן אליין אפגעשטעלט, האבן די מנהלים געשיקט רופן די ממונה אויף די באן סטאנציע אין קערעסטיר און אים געפרעגט צו ער האט אויך געהערט פון די גרויסקייט פון ר' ישעי'? האט די ממונה, א גוי, געענטפערט אז ר' ישעי' איז זייער א גרויסער מענטש און א וואונדערליכע רבי און אפילו די גוים האבן גרויס כבוד פאר איהם ווייל זיי ווערן געהאלפן פון אים. די ווארעמע ווערטער האבן משפיע געווען אויף די מנהלים און האבן באשטימט אז מען וועט פון היינט אפשטעלן די שנעל צוג אין קערעסטיר. זיי האבן אויך געשיקט א בריוו איבערבעטן ר' ישעי'

צו די מעשה איז דא א שטיקל המשך [וואס דער הויך געשעצקייט פאר ר' ישעי' ביי די אלע ממונים אויף די באן איז נאך אנגעגאנגען ביז לעצטענ'ס] מפי נכדו הר' מנחם מענדל רובין זצ"ל וואס האט אין תש"ל באזוכט קערעסטיר און איז געפארן מיטן באן. און ווען דער באן איז אנגעקומען אין באן סטאנציע האט דער קונדוקטור געשריגן זייער הויך **באדראג קערעסטיר, באדראג קערעסטיר!** האט ער אים געפרעגט פארוואס נאר ביי קערעסטיר שרייט ער אזוי הויך? האט ער געענטפערט: "איך ארבעט שוין 60 יאר אויף די באן. מיט יארן צוריק זענען אסאך חסידים אראפ פון באן צום **טשאדער ראבינער** און אזוי ווי איך געוואלט פארן ווייטער און דער באן פארט נישט. האב איך זיך פארבונדן קיין אוהעל זיי זאלן שיקן א באן צו נעמען די מענטשען.

דערווייל בין איך געגאנגען פון וואגן צו וואגן אראפשיקן די מענטשן און איך באמערק ווי א אלטע איד שלאפט און איך וועק אים אויף און איך פרעג אים וואו פארט איר? ענטפערט ער מיר, קערעסטיר! האב איך איהם געזאגט אז מען איז יעצט אין קערעסטיר. האט ער שנעל געחאפט זיין פעקלעך און לויפט ארויס פון באן. נאכדעם צו מיין וואונדער האב זיך אנגצונדן די באן און מען פארט! האב איך שוין געזעהן ווי דער וואונדער ראבינער גיט אכטונג אויף זיינע חסידים און פון דעמאלטס אן ווען איך זע אידן אויפן באן שריי איך **באדראג קערעסטיר** אז די באן זאל זיך נישט אפשטעלן וועגן זיי." זיע"א


*הוצא לאור ע"י "עולם הספרים" מרכז העולמי לספרים שאינם בנמצא ולספרים עתיקים וכתבי יד צו פארקויפן- א שיינע מתנה*

ספר קן מפורשת עם נחלת צבי דפוס ראשון הנודע לסגולה למלא כל הבקשות, א שיינע בריוו פון הגאון ר' חיים עוזר צוזאמען מיט זיין ברודער הגאון ר' אברהם צבי, סעט מחזורים זיטאמיר אשכנז, שו"ת מים חיים געדרוקט אין זיטאמיר, ספר דברי יהושע מאניסטריטש דפוס ראשון בארדיטשוב, 40 גמרות פון זיטאמיר 5000$, מס' עירובין פון סלאוויטא ר' משה שפירא. מכתב הרה"ק מהוסיאטין, תיקון ליל שבועות דפוס סלאוויטא, מדרש רבה דפוס זיטאמיר, קוויטל שכתב החזון איש על אחורי מכתב שנשלחו לו, ספר וואס האט באלאנגט צו הר' אברהם פאם, ספר מיט חתימת הגאון ר' יעקב קמינצקי, א בריוו פון ר' יעקב קמינצקי פרעגט אין טלפון אדער אימייל די אלע פרייזן און אויך וועגן אנדערע ספרים און בריוון, **Until further notice call 13472178260 or email at: seforim@gmail.com, to order or to pick up orders To receive pardes: send to - pardesyehuda1@gmail.com**

***WWW.SEFORIMWORLD.COM*** **מיר ווינטשן אלע א פריילכן און א געזונטן חודשא רשימה פון אונזער ספרים און בריוו צו באקומען** מיר פארקויפן זילבערנע מטבעות פאר מחצית השקל און פדיון הבן און פאר פדיון נפש

דער גליון איז מוקדש לעי"נ מיין פלימעניק הבה"ה יוחנן ע"ה בן יחזקאל בנימין רובי נ"י – – י' סיון תשע"ט טוב שם טוב משמן טוב! אויך זאל דער גליון זיין א זכות פאר אלע מיינע ידידים וואס זענען ל"ע קראנק געווארן, זאלן זיי האבן א גאנצע רפואה במהרה אמן